# א גריס פון בית פיגא

פרשת ויקהל-פקודי

כ"ט אדר תשפ"א

יאר ו גליון דו

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - חי לאה זינגער



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אדל יאקאבאוויטש זאל קומען צו אונזער הויז, און ש'כח אייבערשטער אז איר מאמע איז געפארן אין אומאן צו אדל איז געקומען צו אונזער הויז!

### ערשטע קלאס - חוה מימון



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א שיינע, צניעות'דיגע העירקאט, און ש'כח אייבערשטער אז מיין מאמע האט מיך געשניטן מיין האר זייער שיין!

### צווייטע קלאס - פייגי אינדיג



איך האב געזוכט מיין שיך איבעראל און עס נישט געקענט טרעפן, די באס איז שוין כמעט געווען ביי מיין הויז און איך האב נאך אלץ נישט געהאט מיין שיך, האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן נאך פאר די באס קומט, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!

### פערדע קלאס - לאה'לע איידליס



איך האב שוין זייער לאנג געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען נייע שיך, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב שוין שיינע, נייע שיך!

### עלטסטע קלאס - בלומי אינדיג



מיין זייגער איז אריינגעפאלן אין וואסער, און איך האב זייער שטארק געבעטן דער אייבערשטער אז עס זאל ארבעטן, ווייל אויב עס טראפט נאר איין טראפ וואסער אויף מיין זייגער ארבעט עס מער נישט, אבער מיט תפילה ארבעט עס געהעריג, ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - רחל לאה וויינבערג

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין זייער פרייליך ווייל די הייליגע רבי זאגט אז עס איז א גרויסע מצוה, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין זייער פרייליך!

## נייעס אין בית פיגא

~ די וואך איז פארגעקומען די חתונה פון א חשובע תלמידה און טיטשער מיס חי'לע דעפריס (שארף) אין אומאן, ביי די הייליגע רבי'ס ציון. צו די חתונה איז געפארן מרת לעזער, מרת פריעדריך, און נאך אפאר תלמידות פון בית פיגא. עס איז געווען זייער א פרייליכע חתונה, כאטש וואס עס איז געווען א קליינע עולם איז די שמחה געווען זייער גרויס. מען האט געטאנצן זייער לעבעדיג און פרייליך געמאכט די כלה. די חתונה איז פארגעקומען אויף די זעלבע גאס פון די הייליגע רבי'ס ציון און די אלע וואס זענען געפארן צו די חתונה האבן זיך זייער געפרייט אז זיי האבן געהאט די זכי' צו זיין ביי די הייליגע רבי'ס ציון און געבן א פרוטה פאר צדקה און זאגן תיקון הכללי, וואס דער רבי האט געזאגט אויף דעם, איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות.

~ אין שטעטל האט די עלטסטע קלאס אנגעהויבן די וואך צו נייען קליינע זיסע פאפעטס, אזוי לערנען זיי זיך ב"ה אויס צו נייען. נאך זייער חתונה וועלן זיי נישט דארפן גיין פאר יעדע נארישע זאך צו די שניידערן, און צאלן אסאך געלט, ווייל זיי וועלן עס קענען טון אליינס.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו זאגסט יעדן טאג דעם 'יום תהילים' און דו האסט יעצט געענדיגט די ...'סטע מאל ספר תהילים; מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים, בפרט מיידלעך וואס דארפן גרויסע ניסים צו טרעפן אן ערליכער שידוך, אן ערליכער בחור מיט יראת שמים - איז זייער א גרויסע זאך פאר זיי צו זאגן תהילים.

שטארק זיך מיט צניעות; ווען דו האסט א ספק ביי צניעות, דו ווייסט נישט אויב א זאך איז צניעות'דיג אדער נישט זאלסטו שטענדיג גיין לחומרא, צו גיין אנגעטון איידל און שיין, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו טרעפן אן ערליכער בחור א ירא השם, און אינאיינעם אויפשטעלן ערליכע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט.

איך וויל אז דו זאלסט זיין א ביישפיל (סעמפל) פון א בית פיגא תלמידה; אלע זאלן וויסן ווי אזוי א בית פיגא תלמידה פירט זיך ווען מען וועט זען ווי אזוי דו פירסט זיך אויף.

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן אויף פראסט אידיש; רעד צום אייבערשטן אזוי ווי דו רעדסט צו א חבר'טע, זאלסט אים אלעס דערציילן, אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר וכו' וכו', וועסטו זען גרויסע ניסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

בעזרת ה' יתברך

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו זאגסט יעדן טאג תהלים און יעצט האסטו מסיים געווען די זיבעטע מאל 'ספר תהילים'; דער הייליגער צמח צדק זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "ווען מענטשן וואלטן געוואוסט דאס גרויסקייט פון זאגן תהלים **וואלט מען שטענדיג עוסק געווען אין תהלים".**

איך בעט דיר זייער זאלסט מקרב זיין אלע מיידלעך וואס זענען בטבע פארמאכט וכו'; זוך זיי אויף און מיט זיי זאלסטו שפילן. אסאך מאל מיינט מען אויף א מיידל אז זי איז שטיל און זי וויל נישט שמועסן וכו', קיינער טראכט נישט וואס ליגט אונטער איר שטילקייט, קיינער זעט נישט איר צעבראכענע הארץ ווי זי שעמט זיך אז זי האט נישט מיט וועם צו שמועסן, בעט איך דיר **דו זאלסט אייביג מקרב זיין מיידלעך וואס זיצן אין די זייט** וועט דער אייבערשטער דיר אויך מקרב זיין, דער אייבערשטער וועט דיר געבן ליבשאפט און ווארעמקייט, ווייל (סוטה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך אויף, אזוי פירט זיך דער אייבערשטער מיט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# א מעשה פון א צדיקת

פאר בערך 200 יאר צוריק איז געווען א פרוי וואס האט געהייסן רבקה, און זי האט געהאט 5 אינגלעך. זי איז געווען זייער אן ערליכע פרוי און זי האט זייער שטארק געוואלט האבן ערליכע קינדער.

אין יענע צייט איז נישט יעדער געגאנגען אין חדר, נאר ווער עס האט געוואלט האט געקענט דינגען א מלמד צו לערנען מיט די קינדער די הייליגע תורה. זי האט גענומען די בעסטע מלמדים פאר אירע קינדער.

זי האט אריינגעליגט אין אירע קינדער א זיסקייט אין אידישקייט, זי האט אריינגעלייגט א געשמאק אין שבת, שבת האט מען שיין געזינגען און זיך געפרייט. ווען עפעס האט זיך אויסגעגאסן האט מען נישט זיך געדערגט און געשריגן, נאר געזאגט, "גם זו לטובה, וואס דער באשעפער טוט איז גוט!"

איין טאג איז איר עלטסטע זון אהיימגעקומען פון חדר און געזאגט פאר זיין מאמע זייער א פרייליכע בשורה, אז ער האט געמאכט א סיום אויף גאנץ משניות. זיין מאמע איז געווארן זייער פרייליך און אים אנגעגרייט א געשמאקע סיום. זי האט ארויסגעברענגט אלע גוטע זאכן וואס זי האט געטראפן אין די הויז. בשעת זי האט אנגעגרייט א שיינע סיום האט זי געטראכט אז זי טוט עס נאר אז אירע קינדער זאלן שפירן א ליבשאפט צו תורה, און עס זאל אריינגיין אין זיי א ווילן צו לערנען נאך און נאך.

אירע קינדער האבן טאקע געדענקט די סיום זייער גאנצע לעבן, און טאקע די סיום האט אריינגעלייגט אין זיי א חשק און א ווילן צו לערנען נאך און נאך תורה. אירע קינדער זענען אויפגעוואקסן הייליגע צדיקים, איין זון איז אויפגעוואקסן די גרויסע צדיק ר' חיים פון וואלאזשין. איר אינגסטע זון ר' זעלמלע איז געווען זייער א גרויסע גאון וואס האט געקענט גאנץ ש"ס אויסעוויייניג. ביידע ברודערס זענען געווען פון די גרעסטע תלמידים פון די הייליגע ווילנער גאון. אירע אנדערע 3 זון זענען אויך געווען גרויסע צדיקים, און זיי זענען געווען רבנים אין גרויסע שטעט.

אויף איר קבר האט מען ארויפגעשריבן, 'וואויל איז פאר דעם פרוי וואס האט געהאט אזעלכע ערליכע קינדער', ווייל אלע אירע קינדער זענען געווארן גרויסע צדיקים.




**לאמיר נעמען זיך לערנען פון די קלוגע פרוי רבקה, וועלכע האט זוכה געווען צו אזעלכע ערליכע קינדער נאר בזכות דעם וואס זי האט אריינגעלייגט אזא שמחה און א חשק אין אירע קינדער זיי זאלן ליב האבן צו לערנען די הייליגע תורה. ווען א מאמע מאכט א פרייליכע סיום יעדע מאל וואס איר מאן אדער קינד ענדיגט א מסכת, ווערט אריינגעבאקן אין אירע קינדער אז לערנען תורה איז די בעסטע זאך. אזוי וועט אריינגיין אין זיי א חשק צו לערנען די הייליגע תורה!**

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי לעבעדיג דיין פנים איז מיט דיין גרויסע שמייכל! דו האסט אזא שטארקע און זיסע קול, אז די גאנצע דאווענען איז אזויפיל שענער ווען דו דאווענסט מיט.

איך זעה ווי דו פרובירסט צו זיין שמייכל'דיג און אפילו געבן קאמפלימענטס פאר אנדערע מיידלעך, דו לעבסט זיי ממש אויף. **אויב דו וועסט יעדן טאג געבן איין קאמפלימענט פאר א מיידל, וועסטו זעהן אז יעדער וועט דיך ליב האבן, און דו וועסט ווערן מער פרייליך.**

איך האב זייער הנאה אז דו געבסט אוועק דיין ריסעס צו גיין צו די קליינע קינדער, און דו קומסט צוריק אין צייט צו הלכות. **עס איז א גרויסע זכות צו העלפן די רבי.**

מיט ליבשאפט,



## ספר המדות ווינקל

### אות אכילה

י. מִי שֶׁנִּזְהָר מִמַּאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת הוּא נִצּוֹל מֵחַיּוֹת רָעוֹת.

ווער עס היט זיך פון עסן וואס מען טאר נישט ווערט געראטעוועט פון ווילדע חיות.

ז. מִזְבֵּחַ מֵזִיחַ גְּזֵרוֹת רָעוֹת, וּמְכַפֵּר עֲווֹנוֹת, וּמֵזִין וּמְחַבֵּב וְהַשֻּׁלְחָן דּוֹמֶה לַמִּזְבֵּחַ.

די מזבח נעמט אוועק שלעכטע גזירות, און איז מכפר אויף עבירות, און עס זעטיגט און מאכט ליב האבן. און א טיש איז אזוי ווי א מזבח.




## רעסעפי

### CARROT MUFFIN

| | | |
|---|---|---|
| 3 carrot baby jars | 1 tsp baking powder | **Glaze** |
| 1 c oil | 2 tsp vanilla extract | 1 cream cheese |
| 2 c flour | 2 T vanilla sugar | 1 margarine |
| ½ tsp salt | 2 c sugar | 1 tsp vanilla sugar |
| 1 tsp cinnamon | 1 tsp baking soda | ¾ cup confectioners' sugar |
| 4 eggs | 4 T orange juice | |

Preheat oven 350°. Mix all ingredients. Bake 20–30 minutes.



נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

## א גוט שבת!



זמן שבת: 5:45

זמן מוצש"ק: 7:13

## קוואל פון חיזוק

האב נישט מורא...

הערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א

212-444-9169

2,3,3,108

## מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

**רחל לאה ראטה** צו זייער נייע אינגל בעיבי!

**מרת דעפריס** (שארף) צו איר חתונה!